קליינער דאָרפֿישער גמינע ראַדאָגאָשטש, ערשט אין 1915, אין דער צייט פֿון דער דייטשער אָקופּאַציע, האָט מען באַלוט פֿאַראייניקט מיט לאָדזש. פֿאַרשטענדלעך, אַז עס איז שוין געווען צושפּעט, כּדי דעם גרויסן פּראָלעטאַרישן צענטער איבערבויען און איבערגרופּירן אין אַ נאָרמאַלן געזונטן שטאָט-טייל. די קרומע און שמאָלע געסלעך פֿון באַלוט זענען ביז היינט צו טאָג טרויעריקע עדות פֿון דער מערקווירדיקער אַנטשטייונגס-געשיכטע פֿון באַלוט און דער כאַראַקטעריסטישער פּאָליטיק פֿון דער רוסישער רעגירונג.

### ביבליאָגראַפֿיע:


1) פּרגל׳: A. Stebelski: Łódź i klucz łódzki u schyłku Rzplitej, אין Rocznik, II Oddziału Łódzkiego Pol. Tow. Historycznego, Łódź 1930, str. 82-83; Ks. St. Muznerowski: Przyczynki do monografji Łodzi Włocławek 1922, str. 55, 57.

2) A. Stebelski: Łódź i klucz Łódzki, str. 82-83.

3) St. Muznerowski: j. w. str. 37.

4) אווגוסט זאַווישאַ איז געווען דער ברודער פֿון דעם דורך די רוסן אויפֿגעהאַנגענעם פּוילישן פּאַטריאָט, אַרטור זאַווישאַ דעם אָנטיילנעמער אין זאַליוסקיס קאַמפּף אין יאָר 1833. פּרגל׳ Al. Kraushaar: Palestra warszawska, Warszawa 1913, str. 121.

5) די אינפֿאָרמאַציעס פֿון לאָדזשער שטאָט-פּרעזידענט זענען נישט קיין גענויע. לויט קרויסהאַרן, וועלכער איז גוט באַהאַוונט מיט דעם ענין, האָט זאַווישאַ איבערגעגעבן באַלוט און בירנצווייגן נאָר די מיסיע פֿון פֿאַרצעלירן די גיטער צווישן די פּאַכטער, און דערפֿאַר האָט ער זיי געגעבן אַ געוויסן שטח ערד. פּרגל׳: Kraushar: j. w. str. 120.

6) Kraushar. j. w. str. 120-122.

7) ביים באַשרייבן באַלוט האָבן מיר זיך סומך געווען אויף פֿאָלגנדע קוועלן: Archiwum Akt Dawnych m. Łodzi Nr. kat. 223; Arch. Akt Dawnych w Warszawie: Akta Komisji Rządowej Spr. Wewn. Nr. kat. 1326.

8) A Próchnik: Bunt łódzki w 1892 r.. Łódź. 1932, str. 67—68.

9) וועלנדיק אויסמיידן סכסוכים מיט דער לאָדזשער קהלה און דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט, האָבן די באַלוטער ייִדן בכיוון אויסגעמיטן אויסצוקלײַבן אַ פּראָטאָקאָל, וואָס בערך מיטגלידער זיי קלויבן אויס.

10) Archiwum Akt Dawnych m. Łodzi Nr. kat. 5681 k. 210 i nast.

11) אַלטשטאָט-אַלמאַנאַך, רעדאַגירט פֿון יוסף טורקאָוו, לאָדזש 1932 נ׳ 91—93




לאַנדמאַנשאַפֿט נומ׳ 2 (1934)

מ. בורשטין

# ווילנער רעמיניסצענצן.

שטיל, פֿאַרטראַכט אין זיך, איינגעטונקען אין שטענדיקן שלומער איז די ליטווישע לאַנדשאַפֿט. אַ שלעפֿעריקער הויך שוועבט אויף דער מאָגערער, אין וועלדער איינגעהילטער ערד. עס דוכט זיך אויס, אַז אויך דער הימל איז דאָ טונקעלער און אומעטיקער ווי ערגעץ אַנדערש; די וואָלקנס פֿויזן מעלאַנכאָליש שווער און נידריק ווי זיי וואָלטן איינגעזאַפּט אין זיך די אייביקע, פֿאַרגליווערטע בענקשאַפֿט, וואָס פֿילט דאָ אָן יעדעס ווינקעלע.

דידאַקטיקע ערנסטקייט און קאָנצענטרירטקייט ליגט אויף די מענטשלעכע פּנימער, זי קריצט זיך איין מיט עקשנות אין זייערע בליקן, הערט זיך אַפֿילו אין די האַמעטענע טריט פֿון יונג און אַלט אויף יעדן איינעם ייִד צו קריסט, לאַסטעט די משא פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, דער עול פֿון דורות, וואָס צווינגט צו זיין טריי זיך אַליין און לאָזט נישט פֿאַרראַטן.

דאָ, נענטער צו צפֿון, פֿילט דער מענטש זיין אייגענע וואָג.

ווילנע אַליין — אַ שטיק מיטלאַלטער, וואָס די געשיכטע האָט אַזוי זיך שפּאַצירנדיק צווישן רוים און ביצאַנץ, אַוועקגעלייגט צווישן ווילד שלענגענדיקע טייכן פֿון ליטע און רייסן, אַוועקגעלייגט נישט צו רירן פֿון אָרט. די איינפֿלוסן פֿון מזרח און מערב האָבן זיך דאָ געקרייצט און אַזוי צונויפֿגעפֿלאָכטן, אַז עס איז אָפֿטמאָל שווער זיי פֿאַנאַנדערצוטיילן אויף באַזונדערע עלעמענטן. אַזוי די אַרכיטעקטור און אַזוי די געשיכטע פֿון דער שטאָט. דאָ מישט זיך אויס דער ווייַ-רויך פֿון פּויפּסטום מיט דעם אומעטיק איינטאָניקן געקלאַנג פֿון די גריכיש קאָנסטאַנטינאָפּאָלישע מאנאסטיר-גלעקער, דאָס ייִדנישע מיט דעם ראָמאַנטישן פֿון מיטלאַלטער. אָבער צוזאַמען מיט דעם אַסצעטיש, יעזואיטישן הויך, וואָס ווייעט נאָך פֿון די שמאָלע זאַווולקעס, עטעמט אויף דער פֿרייער גייסט פֿון הומאַניזם, וואָס האָט לאַנגע צייטן אַרויסגעשטראַלט פֿון צווישן די אַלטע אוניווערסיטעטס-מויערן און געוואַרעמט גאַנצע גענעראַציעס.

שפּורן פון דעמדאָזיקן פרייען גייסט זענען פאַרבליבן אין דעם כאַראַקטער, און דער גאַנצער פיזיאָנאָמיע פון דעם ווילנער מענטשן. דעריבער אפשר איז דאָ אַלץ אַזוי וואַרהאַפטיק און באַשיידן, אַז עס איז אוממעגלעך צו זיין נישט אויפריכטיק. דאָס מיטלאַלטערלעכע איז קאָנסערווירט, איבערהויפּט אין זיינע אויסערלעכע פאָרמען. כאָטש דער מאָדערנער מענטש האָט שוין ווייט אַוועקגעשפּאַנט פון דער אָסטראַ בראַם און פון ווילנער... שול-הויף.

דאָס אייגנאַרטיקע יידישע פון ווילנע — אַ בונטער פלעק אויף אַ הערלעכן לייוונט, וואָס אַ געניאַלער מאָלער האָט אָנגעוואָרפן מיטן פּענדזל: נישט אָפּצומעקן דורך דער צייט און נישט דורך מענטשן. קוקט מען זיך צו צו דעם בילד מיט אַ ליבנדיקן בליק פון אַ נאָענטן איז עס אַן אויסגעשפּראָכענער פּרצוף. עס פאַרמאָגט אַ גאַנץ באַזונדער געשטאַלט. דערצו נאָך מיט אַ גלייכן רוקן-ביין. עס איז סטיל. נאָך מער: שיקזאַל. מען פילט אים אַרויס אין דעם שטרענגן סקאַנדירן בשעתן תהלים זאָגן אין די קלויזן. אין אייפער פון די מענטשן אין יענעם ווייסן הויז הינטער דער שטאָט, וואָס איז אַ מין מאָדערנער בית מקדש פאַר יידישער וויסנשאַפט, אין דעם גאַנצן פאַרהאַרטעוועטן, באַשיידענעם לעבנס-שטייגער. בלויז די פאָרמען האָבן זיך געביטן. דער טיפער לעבנס-אינהאַלט פון דעם ווילנער ייד איז געבליבן דער זעלבער. און שטעלט מען זיך אַוועק אין אַ שבתדיקן פאַרנאַכט אינמיטן ווילנער שול-הויף און מען קוקט זיך צו צו די ערנסט, שווייגנדיקע מויערן פון דער אַלטער שול מיט די געקאָוועטע טירן, צו די קלויזן און שולעכלעך, צו וועלכע עס פירן קרומע שטיגן אויף די גאָרנס, שפּאַצירט מען איבער די שמאָלע הייפלעך מיט די לאַנגע דורכגענג ווי אונטערערדישע היילן, וואָס עטעמען מיט צניעות און יידישער חנוודיקער אָרעמקייט — אַזוי לעבט אויף פאַר די אויגן אַ פאַרצייטיש שפּייער, אַ וואָרמיזא אָדער מאָגונצא. און באַוווּנדערנדיק דעם אויסדויער, וואָס איז אַזוי פיל דורות געווען פאַרבאָרגן אין דעם יידישן געטאָ, אויסבאַהאַלטן פון פרעמדע אויגן, באַדויערט מען גלייכצייטיק פאַרוואָס די דאָזיקע קראַפט, וואָס האָט זיך דאָ אַקומולירט האָט אויסגעצוועפּט. אויב עס זענען וואַרהאַפטיק די צייכנס און סימנים, וועלכע ווייזן זיך אויף דעם זייגער פון דער געשיכטע און מיר שטייען טאַקע צוריק אויף דער שוועל פון געטאָ... וועלן מיר דאָ צוריק אַריינקומען מידע און צעבראָכענע, באַדעקט מיט פרעמדן שטויב, פון וועלכן מען וועט זיך אפשר דאַרפן אָפּטרייסלען. און דאָס טרויעריקסטע: דאָס געטאָ אַליין וועט אונז נישט אויפנעמען צוריק. אין קיין אָרט ווי אין ווילנע זעט מען דאָס נישט אַזוי בולט: דאָס געטאָ איז נישט מער ווי אַ מאָנומענט, אַ מצבה פון אַ פאַרגאַנגענער תקופה!

די יידישע מאַסן וועלן זיך שוין נישט לאָזן דאָרטן צוריק אַריינדרי-



גען, וואָרום זיי שפּרייזן אויף די גאָר ברייטע שליאַכן. פריער אָדער שפּעטער וועלן זיי זיך דאָרטן צונויפטרעפן מיט דער גאַנצער מענטשהייט.

———

אָבער לאָמיר כאַפּן אַ בליק אויף די פאַרגאַנגנהייט און באַטראַכטן דעם הערלעכן מאָנומענט, וואָס רופט זיך ווילנער געטאָ.

ווילנע, די שטאָט ליגט צווישן בערג און אוראַלטע וועלדער מאָלעריש פאַנאַנדערגעוואָרפן אין טאָלן און אויף הויכקייטן, באַשפּרענקלטע מיט סטערטשענדיקע קירכן-שפּיצן און צערקווע-קאַפּולן. אין מיטן שטאָט, צווישן רחבות-דיק געפלעגטע קוואַרטאַלן, ווי אַ פאַרכישופט סאַנקטואַריום, שאַרפקאַנטיק אָפּגעצוימט פון דעם אַרום איז פאַרשטעקט דאָס יידישע געטאָ. עס טונקט זיך אין אַ נעפל פון לעגענדעס, וואָס האָבן זיך געהאָפּטן דורות-לאַנג און אויסגעשפּינט אַ מיסטעריעז געוועב פון ראָמאַנטיק און פאָלקס-פאַנטאַסטיק. עס הויערט אויף דעם אַלעם אַ שלייער פון יידישן חן, רחמנות און פּרישותדיקע שטרענגקייט. עס איז אַ בייטראָג צו דער יידישער פּסיכאָלאָגיע און פאָלקס-כאַראַקטער.

אַ פּאָר פראַגמענטן.

אָט איז אַ קלויז. און די געשיכטע פון דער קלויז איז אַזוי פּשוט רירנד, אַזוי יידישלעך האַרציק.

אַ יידענע, אַ צדקניות האָט אַ גאַנץ לעבן אַרומגעטראָגן קאָשיקעס געבעקס און פון קאָפּיקעס, צוזאַמענגעקליבן ביי אָרעמע מענטשן, אויפגעשטעלט דאָס דאָזיקע מקום קדוש. טראָגט דערום די קלויז דעם נאָמען פון דבורה אסתר. און אָט איז אַ קלויז אויפגעבויט דורך אַ בלינדן, ר׳ ישעיה סגי נהור, וואָס האָט געקאָנט גאַנץ ש״ס פון אויסנווייניק. און וויפל יידישער קאָלאָריט און וואַרעמקייט ליגט בלויז אין די נעמען: גלעזער-קלויז, בלעכער-קלויז. עס נעמט אַרום אַן ערפורכט פאַר די פאַרגאַנגענע דורות ווען מען לייענט דאָס געשריפט, וואָס איז אויסגעקריצט אויף דער טאָוול אין ווילנער גאונס קלויז:

... מיר האָבן געפונען אַ צדיק תמים, וועלכער איז געזעסן פערציק יאָר און געלערנט. זיין נאָמען קלינגט אין דער גאַנצער וועלט. זיינע שבחים איז אוממעגלעך צו דערציילן. גאָטס חכמה האָט זיך אים אַנטפּלעקט און מיט זיינע ספרים, תורה און חכמה האָט ער באַלויכטן די גאַנצע וועלט. זיין אָנדענקען וועט בלייבן אומעטום אייביק. זיינע ספרים וועלן לאַנג לעבן און עס וועט זיך מערן תורה און חכמה. אין יאָר תקס״א אויפגעבויט לכבוד זיין נאָמען די קלויז.

אינמיטן געטאָ אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט קלויזן ווי געטרייע שומרים, שטייט די גרויסע שול, אַ פּרעכטיקער מוסטער פון אַלטער סינאַ-

באַגאַלער אַרכיטעקטור. פיר ריזיקע זיילן מיט אייגנאַרטיקע קאַפּיטעלן רינגלען אַרום דעם בעלעמער. די אייזערנע טיר מיט די באַוועגלעכע שטיגן (אַ באַיוואָרעניש אין פאַל פון באַלאַגערונג) אַראָפּצוגיין אין שול. די דיקע מויערן מיט די הויכע פענסטער גיבן אונז אָפּ אַ גרוס פון יענע צייטן אין זעכצטן און זיבעצטן יאָרהונדערט ווען די אַלטע שול איז געווען פאַר די ווילנער יידן אויך אַ פיזישע פעסטונג, אין וועלכער זיי פלעגן זוכן שוץ.

הערלעך איז דער פראָנט מיט דער געשניצטער גאַלעריע אויפן דאַך. ער ווערט אָבער פאַרדרענגט פון די ענג-פאַרבויטע אַרומיקע הייזער. דער עפעקט גייט פאַרלוירן, וואָרום אין געטאָ איז געווען ענג. עס האָט געפעלט רחבות כדי די קונסט-ווערק זאָלן זיך קאָנען אַנטפּלעקן אין זייער גאַנצער פּראַכט. דאָס גרויסע איז געוואָרן איינגעקורטשעט. דאָס באַפליגלטע האָט געמוזט פויזן אויף דער ערד.

פון יעדן בענקל, פון יעדן ציגל אין דער גרויסער שול וויעט מיט אַלטקייט און לעגענדע.

אָט איז אַ פלאַץ אויף דער מזרח-וואַנט. דאָ האָט געדאַוונט ר' משה קרעמער, דעם ווילנער גאונס זיידע. קהל האָט דעם רב נישט געצאָלט קיין שכירות, האָט ר' משהס ווייב געמוזט עפענען זיך אַ קראָם און דערנערן דאָס בני בית.

דאָס פאַרדינסט פון דער קראָם האָט אָבער באַטראָפן מער וויפל עס האָט פאַרבראַכט דעם רבס הויזגעזינד. האָט ר' משה שטרענג באַפוילן דעם ווייב אַזוי זיך צו פירן מיט דעם מסחר, אַז עס זאָל בלייבן אַ גאַנץ קליינער ריוח פון פדיון. האָט מען דעריבער דעם גאונס זיידן גערופן משה קרעמער.

פון דער גרויסער שול איז איין שפּאַן צו דער סטראַשון-ביבליאָטעק. די ביבליאָטעק איז אַ מין מאַוזאָלעום פון יידישן שאַפונגס-גייסט אין די פאַרגאַנגענע דורות. זי מאַכט דעם איינדרוק פון אַ לעגענדאַריש שקעטעלע, אין וועלכן עס איז פאַרבאַלזאַמירט געוואָרן דאָס האַרץ און דער מוח פון אַ פאָלק, וואָס האָט זיך דווקא דאָ, צווישן די ענגע מויערן פון געטאָ אויסגעקליבן זיין אייביק רו-אָרט.

„עס נעמט אָן אַ שרעק צו שרייבן ווייטער זעענדיק, וואָס אונזערע זיידעס האָבן אונז איבערגעלאָזט" — שרייבט שלום אַש אין דעם אָנדענקונגס-בוך. און שלום עליכם שרייבט:

„אַזאַ יידישן אוצר האָב איך נישט געזען נישט אויף דער וואָר און נישט אין חלום". עס הויזן דאָ בשלום גאַנצע בענדער כתב ידן, פירושים פון פאַר 5–6 הונדערט יאָר צוריק מיט די לעצטע שאַפונגען פון אונזערע



מאָדערנע דיכטער. תורה און חכמה, יהדות און דברי חול איז אַזוי זאָרגעלטיק און מיט פיעטעט צונויפגעזאַמלט אין די ענגע צימערלעך (די ענגשאַפט דאָ איז אַזוי היימיש-יידישלעך), אַז עס ווילט זיך אַראָפּנעמען די שיך און אָפּרייניקן דעם שטויב ווען מען טרעט אַריבער די שוועל פון דעם דאָזיקן דערהאַבענעם אָרט.

דער ווילנער ייד האָט אַ חוש נישט בלויז פאַר דעם טראַדיציאָנעלן. ער איז אַריינגעטון מיט לייב און לעבן אין דער קעגנוואַרט. עס איז אויסדויער און עקשנות, וואָס דערגרייכט נישט זעלטן ביז מסירת נפש. עס איבערצייגט אייך דערין יעדער קלאַפּ פון האַמער אין יידישן טעכניקום, יעדעס פיין סאָרטירט שופלעדל אין יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, דאָס געזאַנג, וואָס דערגרייכט צו אייערע אויערן פון דער יידישער פאָלקס-שול אַראָפּ און דער אינהאַלטרייכער לימוד אין דער יידישער גימנאַזיע. דאָס יידישע ווילנע, פון די כלי קודש ביז דער מאָדערנער אינטעליגענץ, איז איין געשולטער און צוגעפּאַסטער סימפאָנישער אָרקעסטער, וואָס יעדער אינסטרומענט באַזונדער איז נייטיק און אַלע צוזאַמען שאַפן ערשט די וווּנדערבאַרע האַרמאָניע.

לעצטנס אָבער האָט די נויט, פרעמדע איינפלוסן און די איינזאַמקייט פון ווילנע, וואָס צווישן אַלע יידישע ישובים אין פוילן מאַכט זי דעם איינדרוק פון אַן אָפּגעזונדערטער אינזל אין מיטן אַ ברוגזן ים, אַריינגעבראַכט אַ שנוי אין דעם ווילנער אייגנאַרטיקן נוסח. און פעלט דידאָזיקע פעסטונג פון יידישן שוווּנג און קולטורעלן אויפשטייג, הערט אויף צו פולזירן דאָס אייגנאַרטיקע יידישע לעבן, וואָס האָט זיך די לעצטע צענדליק יאָרן געשאַפן אין פוילן. און נישט בלויז אין פוילן.

דער קברות-מאַן אויפן ווילנער אַלטן אין לעגענדעס איינגעטונקענעם בית-עולם, האָט זיך פאַר מיר באַקלאָגט.

„זיי ברעכן אויף דעם פאַרקאַן די יונים, האַקן אָפּ די צווייגן פון די ביימער, מאַכן לעכער אין דער מצבה פון הגאון ר' אליהו. שאַנעווען אַפילו נישט דעם קבר פון גר צדק און די מצבות פון די צדיקים און גאונים. זיי קומען ביינאַכט און טוען אָפּ פאַרשידענע אומווירדיקייטן אויף די הייליקע קברים און עס איז נישטאָ קיינער, וואָס זאָל זיך אָננעמען פאַר דעם פאַרשוועכטן יידישן כבוד".

קלינגט דאָס נישט סימבאָליש?

יאָ, אין דער פעסטער מויער, וואָס צוימט אַרום און באַוואַכט דאָס יידישע ווילנע, האָבן זיך לעצטנס באַוויזן גאָר ערנסטע שפּאַלטן...

# לאַנדקענטעניש

אַפּריל, 1935 — ידיעות פון י. ג. פ. ל. — נומ. 1 (19) 6־טער יאָרגאַנג



## אַריינפיר צו דער מעטאָדיק פון לאַנדקענטעניש • מ. בורשטין

די טוריסטיש-לאַנדקענערישע באַוועגונג שפּרייט זיך לעצטנס אויס אויף פאַרשידענע געביטן פון יידישן לעבן אין פוילן.

אויב אין דער פּראַקטיק קאָנען מיר אָנווייזן אויף ממשותדיקע רעזולטאַטן, צו וועלכע די באַוועגונג האָט דערגרייכט, קאָנען מיר אָבער דאָס נישט זאָגן וועגן דער ליטעראַטור פונעם קעגנשטאַנד. די גאַנצע יידישע לאַנדקענערישע ליטעראַטור שעפּט זיך אויס מיט אַ פּאָר צענדליק אָפּהאַנדלונגען, פעליעטאָנישע אַרטיקלען, עטלעכע מאָנאָגראַפיעס פון ישובים און פּרוּוון צו באַשרייבן יידישע אָביעקטן ווי: שולן, בית-עלמינס א. ד. ג.

מיר האָבן נאָך נישט קיין וועגווייזער אויף יידיש, קיין ביבליאָגראַפיע פון דער פאַכמענישער ליטעראַטור און דער עיקר: עס פעלט אין דער יידישער שפּראַך אַ גרינטלעכע און אויסשעפּנדיקע מעטאָדיק פון אויספלוגן. פונדאַנען נעמט זיך אָפט אַ מאָל די אומבאַהאָלפנקייט פון פירער און ‏די אַנטוישונג ביי די אָנטיילנעמער אין די אויספלוגן.

די התחלה מוז דאָך געמאַכט ווערן.

מיר וועלן אויף די שפּאַלטן פון אונזער צייטשריפט פּרוּוון געבן די מעטאָדיק פון אויספלוגן צוגעפּאַסט צו די באַדערפענישן פון יידישן לאַנדקענער.

I

איידער מיר וועלן איבערגיין צו דער מעטאָדע, וועלן מיר זיך פריער אָפּשטעלן אַ ביסל גענויער אויפן געגנשטאַנד גופא. מיט אַנדערע ווערטער: קלאָר פאָרמולירן די אויפגאַבן פון דער לאַנדקענטעניש. ס'זענען פאַראַן פאַרשידענע אויפפאַסונגען. די צילן פון דער לאַנדקענטעניש זענען אַ סך מאָל אָפּהענגיק פון די סאָציאַלע און פּאָליטישע שטרעמונגען, פון די אַקטועלע פּראָבלעמען, וואָס שטייען פאַרן מאַסגעבנדן פאַר דער באַטרעפנדיקער געזעלשאַפט. אַנדערע אויפגאַבן האָט געהאַט די פוילישע געזעלשאַפט פאַר לאַנדקענטעניש (Polskie Towarzystwo Krajoznawcze), ווען זי איז אַנטשטאַנען אונטערן צאַרישן רעזשים און אַנדערע צילן באַצוועקט צום ביישפּיל די טוריסטיק אין ראַטנפאַרבאַנד. דאָסגלייכן ווען מען פאַרטראַכט זיך איבער דער יידישער קעגנוואַרט אין פוילן, קאָנען מיר נישט פאַרביי־גיין דעם פאַקט און מען מוז אים גראָד אונטערשטרייכן, אַז די טוריסטיק מיט דער לאַנדקענטעניש האָבן פאַר אונז אַ חוץ דעם אַלגעמיינעם זין פון טוריזם אויך אַ ספּעציעל יידישן אינהאַלט.

טוריזם און פּאַראַלעל צו אים די לאַנדקענטעניש האָבן אָבער געמיינזאַמע פּסיכאָלאָגישע שטריכן, וועלכע גילטן ביי יעדער פּאָליטישער איינשטעלונג, ביי יעדער סאָציאַל-ווירטשאַפטלעכער קאָניונקטור, זייער שליטה איז קענטיק אין יעדער געאָגראַפישער ברייט. דאָס זענען דערשיינונגען, וואָס פליסן אַרויס פון דער מענטשלעכער נאַטור, פון איר פּסיכיק.

די איינגעבוירענע נייגונג ביים מענטשן צו ענדערן די סביבה, און די שטרעבונג צו בייטן דאָס זיץ-אָרט איז געוויס אַ ירושה-שטריך פון אונזערע אָבות, וועלכע זענען געווען נאָמאַדן און דאָס וואַנדערן איז זיי געלעגן אין בלוט. עס איז אַ וויטאַלע באַדערפעניש צו טוישן דעם קלימאַט און דעם האָריזאָנט. די סביבה, אין וועלכער מיר לעבן, לייגט אַרויף אויף אונז פליכטן אָפטמאָל מעכאַניזירטע, וואָס פליסן אַרויס פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג, שאַפן אָבער מיט זיך די מאָנאָטאָנע אַלטעגלעכקייט, וועלכע האַקט אונטער די פליגלען און דערשטיקט אין אונז די פּערזענלעכע פרייהייט. אין וואַנדערן קומט צום אויסדרוק אונזער בונט, דער פּראָטעסט אַקעגן די העמונגען, וואָס זענען פאַרבונדן מיט אונזער שטענדיקן זיץ-אָרט. דער דראַנג צו טוריסטיק נעסטעט אין אונזער פּסיכיק, אין אונזער גייסטיק און זעעלישן לעבן. עס איז בלוט-וויבראַציע.

צו די באַשטאַנד-טיילן פון טוריזם געהער אויך דער ריין-פיזישער מאָמענט. דאָס איז די

באַוועגונג, דער מאַרש. מאַסע אַליין איז ענערגיע, שטענדיקע באַוועגונג — לערנט אונדז די מאָדערנע פיזיק, אין דער טוריסטיק באַקומט דערדאָזיקער דראַנג צו באַוועגונג זיין תּיקון. דאָ טרעטן אויף פּסיכאָ־פיזישע פּראָצעסן, וועלכע פרישן אונדז אָפּ גייסטיק און קערפּערלעך. אונזער זעלבסטגעפיל און אָבסערוואַציע־קראַפט ווערן באַדייטנד געקרעפטיקט.

רעדנדיק וועגן טוריסטיק, מיר מיינען דאָ די קאָלעקטיווע טוריסטיק, לאָזט זיך נישט פאַרשווייגן דעם פאַקט וועגן דעם נייעם אופן פון געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן. עס איז פאַר קיינעם קיין ספק נישט, אַז דער קאַפע, דער דאַנסינג, די באַגלייט־דערשיינונגען פון דער מאָדערנער צייט, האָבן פיל פאַרלוירן פון זייער צוציונגס־קראַפט. ווען מיר זעען ווי טויזנטער יונגע מענטשן פאַרלאָזן די שטאָט סיי זומער, סיי ווינטער, פּראַווען וויקענד און קעמפּינג, טוען אָן גליטשערס און סקי, וואַנדערן אין די בערג אָדער גיבן זיך אָפּ מיט וואַסער־טוריסטיק — מוז מען מודה זיין, אַז דאָ שאַפט זיך אַ נייער אופן פון געזעלשאַפטלעכן פאַרברענגען, אַ געזונטער און אַן עסטעטישער, באַהויכט מיט אויפריכטיקייט און אמתער פאַרברידערונג.

דאָס איז די פּסיכאָלאָגישע באַגרינדונג פון דער טוריסטיק, וואָס איר ריכטיקייט איז גילטיק ביי יעדער פּאָליטישער קאָנסטעלאַציע און סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכער קאָניונקטור.

טוריסטיק און לאַנדקענטעניש זענען ביי אַלע אומשטענדן אַ קולטורעלער פאַקטאָר. אָבער, ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, יעדע געזעלשאַפט, יעדע נאַציע, לייגט אַריין אין דער לאַנדקענטעניש דעם אינהאַלט, אין וועלכן זי נייטיקט זיך אין דעם באַטרעפנדיקן מאָמענט. מיר קערן זיך אום צו דעם אויבן־געבראַכטן ביישפּיל מיט Polskie Towarzystwo Krajoznawcze. אירע אויפגאַבן זענען געווען קלאָרע און קאָנקרעטע: זאָל דער פּאָליאַק קענען זיין לאַנד, זאָלן די דריי געביטן, אויף וועלכע פּוילן איז פונאַנדערגעטיילט, זיך דערנענטערן. טוריסטיק און לאַנדקענטעניש זענען די מיטלען. דער הויפּט־ציל איז צוצוגרייטן דעם פּסיכאָלאָגישן באָדן צוריק צו פאַראייניקן פּוילן. פּראָפּאַגירנדיק אַזוי שטאַרק די אינערלעכע טוריסטיק, וויל דער רעטן־פאַרבאַנד אויסשמידן אַן איינהייטלעכן טיפּ פון אַ סאָוויעטישן בירגער מיט אַ מאַרקסיסטישער איינשטעלונג. די פירער פון דער יידישער טוריסטיק אין פּוילן זענען אין דערדאָזיקער באַוועגונג אַ גאַראַנטיע פון פיזישער רעגענעראַציע פון די מאַסן, אַן עטאַפּ, וואָס פירט צו פּראָדוקטיוויזאַציע און צו פּראַקטישער גלייכבארעכטיקונג אָן צו פאַרלייקענען דעם נאַציאָנאַל יידישן מהות.

מיר זעען אַלזאָ, אַז אַ חוץ דעם צערשטן ענדיקן מאָמענט, וואָס איז פאַראַן אין דער [טו]ריסטיק און וואָס ביי יעדן איינעם דריקט ער אויס לויט זיינע אינדיווידועלע באַדערפעניש[ן], הענגיק פון דער סביבה, לעבנסשטייגער און גי[...]גען, האָט די טוריסטיק אויך אַ געזעלשאַפט[לעכע] באַדייטונג; אַ נאַציאָנאַלע אָדער אַ סאָציאַלע — איז שוין אָפּהענגיק פון די באַדינגונגען און [...]שטעלונג.

פאַראַן נאָך צוויי מאָמענטן, וואָס דאַרפן גענומען ווערן אין באַטראַכט: דאָס איז דער בילדונגס־כאַראַקטער פון דער לאַנדקענטעניש און דער ביי־טראָג אירער צו דער וויסנשאַפט. פון דער שול טראָגן מיר אַרויס אַ געוויסע כּמות פון ידיעות. ס'איז אייגנטלעך אַ מין קאָנספּעקט, וואָס אין לעבן ערשט וויקלט ער זיך פונאַנדער אָדער ער בלייבט פאַרגליווערט און דער יחיד האָט נישט די מעגלעכקייט ווייטער צו קאָנטינואירן זיין בילדונג, ווייטער זיך צו אַנטוויקלען. מיר רעדן פון דעם דורכשניט־מענטש, וועלכער מוז זיך באַגנוגענען מיט דעם ביסל וויסן, וואָס ער האָט באַקומען. אָפטמאָל איז די בילדונג אַ פּאַפּירענע, נישט צוגעפּאַסט צום לעבן. די לאַנדקענטעניש האָט דאָ אַ דאַנקבאַרע אויפגאַבע: צו פאַרטיפן דאָס וויסן, צו מאַכן עס אָנזיכטבאַר און קאָנקרעט. זי דינט אויך דער וויסנשאַפט אין דעם זין, וואָס די זאַמלונגס־אַרבעט פון פאַרשידענע אָביעקטן ברענגט מיט נייטיקע מאַטעריאַלן פאַר דער פאָרשונג.

מיר רעזומירן: יעדער לאַנדקענערישער אויספלוג האָט אַ חוץ דעם צעשטרייאונגס־כאַראַקטער אויך זיין געזעלשאַפטלעך־קולטורעלן ווערט און גיט מעגלעכקייטן פאַר זעלבסט־בילדונג. אָפּהענגיק פון דער אויפגאַבע, וואָס מיר שטעלן זיך דאָ, זענען פאַראַן אויספלוגן: געאָלאָגישע, פלאָריסטישע, פאַאוניסטישע, אַנטראָפּאָלאָגישע, עטנאָגראַפישע, פאָלקלאָריסטישע, אַרכעאָלאָגישע, אַרכיטעקטאָנישע און פאָטאָגראַפישע.

כּדי עס זאָל נישט זיין קיין אָרט פאַר טעותים שטעלן מיר שוין פעסט, אַז אַ לאַנדקענערישע געזעלשאַפט איז נישט באַרופן צו אָרגאַניזירן ריין־וויסנשאַפטלעכע אויספלוגן. יעדער אויספלוג, וואָס אַזאַ געזעלשאַפט פירט דורך, אַנטהאַלט אין זיך פאַרשידענע עלעמענטן. די באַצייכנונג פון אויספלוג שטעלט נאָר פעסט דעם אומדירעקטן ציל, וועלכן מיר האָבן זיך געשטעלט, דעם אַזוי גערופענעם דאָמינירדיקן עלעמענט.

אינעם קומענדיקן קאַפּיטל וועלן מיר אַרומרעדן יעדן אויספלוג־טיפּ באַזונדער, די אָרגאַניזאַציאָנעלע זייט פון אויספלוגן און די ראָלע פון פירער.

# לאַנדקענטעניש

ני, 1935 — ידיעות פון י. ג. פ. ל. — נומ. 2 (20) 6־טער יאַרגאַנג


## לאַנדקענערישע אַרבעט אויף די קאָלאָניעס און וואַנדערלאַגערי

מ. בורשטין

(רעפעראַט געהאַלטן אויפן 5־טן דעלעגאַטן־צוזאַמענפאָר פון דער ייד. געז. פאַר לאַנדקענטעניש).

עס קומט אָפטמאָל אויס צו הערן, אַז אונ־ דזערע קאָלאָניעס און וואַנדער־לאַגערן פעלט די [...]דזאַישע באַזע, אויף וועלכער עס שטיצט זיך [...] געזעלשאַפט פאַר לאַנדקענטעניש. די קולטור־[אַ]רבעט איז פאַרנאַכלעסיקט. דאָס, וואָס עס ווערט [...]ן, איז נישט ציל־באַוווסט און אינגאַנצן אָן אַ [...]. מיט דעמדאָזיקן צושטאַנד ליפערן מיר אַ [...]רקן אַרגומענט די געגנער און קריטיקער, וואָס [...]ן, טיילווייז מיט רעכט, אַז די קאָלאָניעס זע־ [...] אייגנטלעך נישט מער, ווי מאָדיפיצירטע פענ־ [...]סן. מען איז יוצא פאַרן געוויסן מיט טרייבן [...]ן־טוריסטיק. די לאַנדקענערישע אידעע קומט [...]דער נישט צום אויסדרוק אויף דעמדאָזיקן אָפּ־ [...] פון אונזער אַרבעט. אַזעלכע און ענלעכע [...], אויב זיי ווערן נישט דעמענטירט מיט [...]ים, זענען עלול צו ברענגען פיל שאָדן. זיי־ [...]ריק אַריינגעטון אין דער לויפנדיקער טאָג־טעג־ [...]בער אַרבעט ביים בויען די געזעלשאַפט, פאַר־ [...] מיר אָפטמאָל דעם עיקר. אַזוי אַרום שניידן [...] זיך אַליין אָפּ דעם וועג צו פרישער מיט־ [...]דערשאַפט, אָן וועלכער די געזעלשאַפט מוז [...]געשרומפּן ווערן.

מען וועט פרעגן:

אין וואָס, אייגנטלעך, דאַרף זיך אויסדריקן די קולטור־אַרבעט אויף קאָלאָניעס? צי איז עס אונזער אויפגאַבע צו באַקעמפן דעם אַנאַלפאַבעטיזם? צי זאָלן מיר זיך אַוועקזעצן זומער־צייט בשעת די היצן און ווינטער אין די פרעסט — קנעלן מיט די קאָלאָניסטן?

דער ענין איז פאַר די לאַנדקענערישע טוער גופא נישט קלאָר, מחמת עס איז איבער־הויפּט נאָך נישט אַוועקגעשטעלט געוואָרן דאָס פּראָבלעם פון קולטור־אַרבעט אין אונזער געזעל־שאַפט. איידער מען וואַרפט אָן וואָסער עס איז פאַראַן, איז קודם־כל וויכטיק צו באַקענען זיך מיט דעם מענטשן־מאַטעריאַל אויף די קאָלאָניעס. עס איז אַ פאַרבאַדינג פאַר יעדער אויפקלערונגס־אַרבעט. וואָרום פון דעם צוזאַמענשטעל פון די קאָלאָניסטן איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק דער אופן און דאָס פּראָגראַם פון דער אַרבעט.

לויט דער סטאַטיסטיק, וואָס עס האָט דורכ־געפירט די וואַרשעווער אָפּטיילונג פאַר די יאָרן 1929—1934, שטעלט זיך פאַר דער קאָלאָניע־עלע־מענט (פאַר וואַרשע) לויט פאָלגנדער טאַבעלע:

| יאר | מיטגלי־דער | געסט | מענער | פרויען | אלגע־מיינע צאל | [illegible] | לערער | סטו־דענטן | פרייע בארופן | [illegible] | האנט־ווער־קער | פאר־שידענע | פאב־לאזע |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1929 | 53 | 57 | 27 | 83 | 110 | 50% | 21% | 15% | 3% | — | 3% | 5% | 3% |
| 1930 | 93 | 72 | 39 | 126 | 165 | — | — | — | — | — | — | — | — |
| 1931 | 201 | 438 | 245 | 394 | 639 | 41 | 11 | 5 | 10 | 4,5% | 15 | 5 | 16 |
| 1332 | 295 | 648 | 370 | 573 | 943 | 43 | 13 | — | 12 | 6 | 6 | — | 18 |
| 1933 | 222 | 780 | 385 | 617 | 1002 | 45 | 10 | 13 | 8 | 5 | 4 3 | 7 | 4 |
| 1934 | 178 | 577 | 304 | 457 | 755 | 50 | 8 | 9 | 8 | 6 | 6 | 5 | 7 |
| צוזאַמען | 1042 | 2572 | 1370 | 2250 | 3614 | 46 | 12,5 | 10,5 | 8 | 5 | 7 | 5,5 | 10 |

די סטאַטיסטיק פון דער לאָדזשער אָפּטיילונג פאַר די יאָרן 1933—1934 נעמט אַרום נאָר די קאָ[...] [...] אין קאַרוויע ביים ים און ווייזט אָן פאָלגנדיקע ציפערן:

זיין אוידיטאָריום, אַז דער אַזוי-גערופענער האַלבּ-אינזל העל איז נישט מער, ווי אַ שמאָלער פּאַס יבשה, וואָס טיילט אָפּ די בוכטע פון ים. די זאַמדן ביים ברעג — Wydmy — ציען זיך אויס אונ-טער דער ווירקונג פון ווינט ווייט אין ים אריין, און שאַפן אַזעלכע שמאָלע פּאַסן יבשה ווי עס איז העל. מיט דער צייט וועט די דאַנציגער בוכטע אינגאַנצן פאַרוואַנדלט ווערן אין יבשה, אַזוי ארום זענען אַנטשטאַנען די אָזיערעס ביים ים. (נישט צו פאַרבייטן מיט די אָזיערעס אין פּאָמערן, וועלכע שטאַמען נאָך פון אייז פעריאָד).



ים-פּייזאַזש — פאָט. ש. ראָזענמאַן

די זאַמד-בערגלעך (ווידמי) וואַנדערן אויך אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, צו דער יבשה, דראָ-ענדיק צו פאַרשיטן פעלדער און מענטשלעכע ישובים. דורך פלאַנצן בוימער און אַלערליי גע-וויקסן ווערן די ווידמעס אָפּגעשטעלט. עס אַנט-שטייען דערפער, וואָס ווערן געשיצט דורך די זעלבע געוויקסן.

עס זענען עטלעכע גרונד-ידיעות פון דער נאַטור-וויסנשאַפט, וואָס העלפן דעם טוריסט צו אָריענטירן זיך אין דער אומגעבונג און וועקן אין אים דעם חשק געבוי צו אָבסערווירן דאָס, וואָס ער זעט.

אַ צווייטער שמועס ווערט געווידמעט דעם לעבן פון די פישער (קאַשובן), זייערע מנהגים, דיאַלעקט וכדומה. די אויספירונגען ווערן אונטער-געהאַלטן מיט ביישפילן, וואָס עס ברענגען די אָנטיילנעמער פון אויספלוג גופא און דורך לייענען עפּעס אָדער רעציטירן אין דעם קאַשובישן דיאַ-לעקט. ענלעכע שמועסן קומען פאָר נאָכן באַזוכן גדיניע און אַנדערע פונקטן ביים ים.

אַ צווייטער ביישפיל.

מיר זענען אין די בערג.

ס׳קומט פאָר אַן אויספלוג קיין מאָר-

אָקאָ, סטירבסקע פלעסא אָדער צו די פינף צי-

אָזיערעס אויף דער טשעכישער זייט. דער פ-

מאַכט אויפמערקזאַם די וואַנדערער אויף דע-

זיקער צאָל שטיינער, וואָס געפינען זיך שט-

אין דער אומגעבונג פון די אָזיערעס און א-

בערג. די שטיינער שטאַמען פון די קרישל-

פעלזן, אָדער זיי זענען אַן איבערבלייבעניש

די אַמאָליקע אייז-בערג — Moreny — וו-

האָבן די גרויסע מאַסע שטיינער אַראָפּגעט-

פון די סקאַנדינאַווישע לענדער.

אַזאַ אויספלוג גיט שפּעטער מאַטעריאַל

עטלעכע שמועסן: וועגן אייז-פעריאָד, וועגן

שטיין פון די בערג, ווולקאַנען א. ד. גל.

די טוריסטיש-לאַנדקענערישע אויסבי-

פאַרטראַכט אויף דעם אופן (איך האָב דאָס ט-

ווייט נישט אויסגעשעפּט) — גיט די קאָלאָניס-

געהעריקע אויסשולונג און גרייט זיי צו זעלבש-

דיקער אַרבעט אויף דעמראָזיקן געביט.

2.

## יידיש-קולטורעלע אַרבעט

מיט יידיש-קולטורעלע אַרבעט זענען

אויסן צוויי זאַכן: ערשטנס, שאַפן מיר פון די

גלידער אַ קערפּערשאַפט מיט אַן איינהייט-

קולטורעלן פּרצוף, וואָס עס דאַרף זיין די אַמ-

פון אונזער געזעלשאַפט; צווייטנס, דערנענטער-

די יידישע אינטעליגענץ און האַלבע אינטעלי-

צום יידישן פאָלקסטום. ביידע אויפגאַבן דערג-

מיר דורכן פאַרשפּרייטן יידיש וויסן, ווי: יי-

געשיכטע, יידישע שפּראַך, פאָלקס-שאַפונג, אָ-

טאַציע אין יידישער ווירטשאַפטלעכער סטרוק-

אין דער יידישער טראַדיציע א. ד. גל. אָן

אַלעם איז אוממעגלעך דורכצופירן דעם אַזוי

רופענעם „יידישן עלעמענט“, וואָס איז דער

און די איינציקע באַרעכטיקונג פאַר דער

סטענץ פון אַ ספּעציעלער יידישער געזעלשאַפט

לאַנדקענטניש און איז אויך פאַרגעזן אין או-

סטאַטוט.

ווי אַזוי זאָל דעראָזיקער אָפּשניט פון

זער אַרבעט אויסגעפירט ווערן אויף די קאָלאָ-

אונזער געזעלשאַפט איז טאָלעראַנט צ-

איבערצייגונגען פון יעדן איינציקן מיטגליד

קאָלאָניסט, אויב ער שטרייט נישט איבער די

מען פונם רעגלאַמענט, וואָס איז אויסגעאַרבעט

וואָרן פאַר דער באַטרעפנדער קאָלאָניע. עס

אָבער די פליכט פון דער לייטונג אַזוי

די קאַלאָניע, אַז עס זאָל זיך באַלד פון אָן שאַפן אַ פריינטלעכע באַציִונג צו דער שפראַך. יידיש דאַרף לכל הפחות פאַר־ אַ גלייכבאַרעכטיקטע שטעלונג אין אַלע ־עקציעס, ווענדונגען און שמועסן. עס פאַר־ זיך, אַז יעדע אַגרעסיווקייט און שאָוויניזם דאָ שעדלעך. סימפּאַטיע פאַר יידישער באַ־ און יידישן עלעמענט קומען פון זיך אַליין אַלס יוצא פון דער אַטמאָספערע, וועלכע דאַרף אויף דער קאָלאָניע.

אויף יעדער קאָלאָניע געפינען זיך שטענדיק מענטשן, וואָס זענען מוזיקאַליש געשטימט וויזן אַרויס אויף דעם געביט פעיקייטן. עס די אויפגאַבע פון לייטער – דידאַקטיקע מענטשן צום כאָראַלן געזאַנג. אַזוי אַרום ווערט די קאָלאָניעס אַריינגעפירט דאָס יידישע ־ליד. אין טריבע טעג, ווען עס קומען נישט קיין אויספלוגן, איז עס אַ גאַנץ פיינע צייט־ ־ונג.

די, וואָס ווייזן אַרויס אַרטיסטישע נייגונגען פאַרלייענען אָדער רעציטירן יידישע ליטעראַ־ טור־שאַפונגען. אויב עס איז פאַראַן אַ גאַסט פון באַרוף אַ היסטאָריקער – דאַרף אים געגעבן ווערן די געלעגנהייט צו באַלייכטן עפּעס אַן עפּיזאָד פון דער יידישער געשיכטע אין פוילן, אַרומערדן ישובים, היסטאָרישע געשעענישן. דאָסגלייכן, אויב עס איז פאַראַן צווישן די קאָלאָניסטן אַ עטנאָלאָג אָדער אַ קונסט־היסטאָריקער. די אַרבעט אויפגע־ פאַסט אויף אַזאַ אויפן פאָדערט זייער פיל טאַקט. מען מוז זיך רעכענען מיט איינגעוואָרצלטע פאָר־ אורטיילן. דער עיקר: קיינעם גאָרנישט אויפצווינ־ גען, אויך נישט איבערלאָדן מיט וויסן.

די קולטור־אַרבעט, סיי די טוריסטישע סיי די יידישע, דאַרף געטון ווערן לאַנגזאַם און מיט ישוב הדעת. דער קאָלאָניסט, אַ מיטגליד ווי אַ גאַסט, באַקומט אַזוי אַרום אַ חוץ צעשטרייונג און אָפּ־ רו לאַנדקענערישע אויסשולונג דורכגעדרונגען מיטן יידישן עלעמענט.

אַ חוץ סימפּאַטיע פאַר דער לאַנדקענערישער אידעע געווינען מיר, אַ דאַנק דערדאַזיקער קולטור־ אַרבעט, גלייכצייטיק אַ רעזערוו פון פרישער מיט־ גלידערשאַפט.

# עגז יידישער

## אלקס=קונסט ● ה. אלטמאן

ביי די אומות־העולם האָט זיך פון לאַנג אָן ־גפשטעלט אַ פּאָזיטיווע באַציונג צו דער פאָלקס־ ־סס. נישט נאָר מען שאַצט זי אָפּ ווי געהעריק, מען באַמיט זיך זי צו קולטיווירן דורכן אָנ־ ־ערן פאָלקס־מאָטיוון אין פראַקטישן געברויך צו ־צונגס־צוועקן. די פאָלקס־קונסט איז געוואָרן אַ רייע לענדער אַ באַזונדערע אינדוסטריע־ ־יג. אין פוילן מערן זיך די מאַגאַזינען א נ. Sztuka lud[...], וועלכע נעמען אַרום פאַרשידענע ־ייגנען: łowickie, huculskie, kurpie א.אַ.וו. אומעטום, ווו ס'לעבן מענטשן אין קאָמפּאַקטע ־ן, מוז זייער שאַפונגס־גייסט קומען צום אויס־ אויף פאַרשידענע אופנים. די מאַסע לעבט ־קטיוו, זי אַרבעט, ליידט קאָלעקטיוו און שאַפט אייגענע קונסט אין קאָלעקטיוו. די אינדיווי־ ־לע קונסט, אַלס העכערער עטאַפּ, אַנטשטייט די אויבערשטע שיכטן פון פאָלק. די צוויי ־ם פון שאַפן גייען פאַראַלעל. נאָך מער: ביים ־אַכטן און שאַצן קונסט־ווערק איז אָפטמאָל שווער זיי אָפּצוגרענעצן פונאַנדער. דער דראַנג צום אויסלעבן זיך און ברענגען צום אויסדרוק איז שטאַרק ביי דעם פרימיטיוון, ווי ביי דעם גע־ שולטן קינסטלער. די שאַפונגען־פרימיטיוון דער־ גייען נישט זעלטן צו אַ הויכער קינסטלערישער מדרגה. ס'איז גענוג צו דערמאָנען זיך אין די אונז אַלעמען באַקאַנטע פרימיטיוון־קונסטווערק פון פאַרשידענע פעלקער און צייטן, אָנהויבנדיק פון די ערשטע קריצונגען אין דער שטיין־עפּאָכע. ווילסטו דערקענען דעם גייסט פון פאָלקס־מאַסע – זוך אים אין זיין פרימיטיווער קונסט. דער סטיל, דאָס איז דער מענטש – און די דערמאָנטע אינטעלי־ גענץ איז טאַקע אימשטאַנד ווי געהעריק אָפּצושאַצן דעם שאַפנדיקן פאָלקס־גייסט. זי באַגרייפט, אַז די פאָלקס־קונסט איז אַ פרוכטבאַרער באָדן, פון וועלכן זי, די אינטעליגענץ, וועט נאָך לאַנגע דורות שעפן איר יניקה.

ווי אַנדערש איז ביי אונז, יידן! ווי נישט דערשעצט ווערט די יידישע פאָלקס־קונסט! אודאי

שפּילן דאָ אַ ראָל פֿאַרשידענע פֿאַקטאָרן. קודם-כּל ווירקט דאָ דער דראַנג צו עמאַנציפּירן זיך פֿון דעם אַלטן לעבנס-שטייגער (ווען אַפֿילו נישט גראָד אין זינען פֿון אַסימילאַציע). נישט ווייניקער ווירקט דער מאָמענט פֿון ביטול, מיט וועלכן מען באַציט זיך צו דעם אייגענעם, יידישן שאַפֿן — מינדער-ווערטיקייטס-געפֿיל, פּונקט ווי אויף אַלע געביטן פֿון יידישן לעבן. אין דער-זעלבער צייט, ווען מען איז גרייט זיך צו אַנטציקן פֿאַר אַ פּוילישן אָדער אַנדערן פּרימיטיוו, שטייט מען זשעגירט פֿאַר אַ יידישן און מען באַמיט זיך פֿון אים צו אַנט-לויפֿן. אַנטלויפֿן פֿון זיך אַליין!

אונזער אינטעליגענץ באַגרייפֿט נישט, אַז

זוכן און שטודירן? (איך מיין אויך די טעאָר... וואָס וויל דעגראַדירן די פֿאָלקס-קונסט, אַראָפּש... זי אויף גאָר אַ נידעריקער שטופֿע). ווען-... שמועסט מיט עמעצן פֿון אונזער „אויבערש... שיכט" וועגן יידישער פֿאָלקס-קונסט, טרעפֿט ... אָפּטמאָל אָן אויף שטוינענדע בליקן. דידאָ... איינגעשפּאַרטע סקעפּטיקער איז גענוג צו באַק... מיט די מוסטערן פֿון אונזער אַמאָליקער פֿאָ... קונסט און יעדער צווייפֿל וועט פֿאַרשווינדן. ... קוקנדיק אויף דעם, וואָס די אַלטע פֿאָלקס-ק... אונזערע איז נישט אינגאַנצן פֿריי געווען פֿון... טיקע ווירקונגען — אַ דערשיינונג, וואָס חזרט... איבער אין נישט קיין קלענערער מאָס ביי אַנ...



נתן אַלטמאַן — טייבעלעך, פֿאָלקס-מאָטיוו.

באַפֿרייען זיך פֿון אייגענעם סטיל און פֿאָרם הייסט — פֿאַרלייקענען דעם אייגענעם שיקזאַל. גראָד איצט, ווען אין באַוווסטזיין פֿון אַלע פֿעלקער קומט צו אַן ענגערער פֿאַרבינדונג צווישן דעם אינטעליגענט און מאַסע, גראָד איצט מוזן מיר פֿאַרשטיין, אַז ס'איז צייט גענויער זיך צו באַקענען מיט די וואָרצלען פֿון דעם בוים, אויף וועלכן מיר זיצן, דער-לערנען דעם פֿאָלקס-גייסט און אויסקלויבן זיך איי-נעם פֿון די אומְמיטלבאַרע וועגן צו אים — דער-לערנען די פֿאָלקס-קונסט.

נישט איינער וועט שטעלן די פֿראַגע: צי פֿאַרמאָגן מיר אַזאַ פֿאָלקס-קונסט? צי לוינט עס צו

פֿעלקער — שטעלט זי פֿאָר מיט זיך אַן אוצר מאָטיוון. סיי די אייגנאַרטיקע חיות-מאָטיוון, די ליניען-און פֿלאַנצן-אָרנאַמענטיק שטעלן זיך פֿאָר אַן אייגענעם סטיל, וואָס איז פֿרע... אין פֿאָרם, באַצויבערט מיט איר אינהאַלט פֿאַרכאַפּט מיט דער פֿולקייט פֿון מיסטיש ... גײַצן געפֿיל. נישט איינער פֿון אונזערע גר... קינסטלער איז אָנגערעגט געוואָרן צום שאַפֿן דער פֿאָלקס-קונסט. איר איינפֿלוס און דיר... ווירקונג זעט מען ביי שאַגאַלן, ריבאַקן, אין די גראַ... צייכנונגען פֿון נ. אַלטמאַן און ביי פֿיל אַנדער...

———

נישט דאס אליין. ביי דעם דורכשניט־מענטשן
...רשט די מיינונג, אז יידישע פאלקס־קונסט קאן
...ען געפינען נאר אין אלטע דענקמעלער. ווייטער
...ן די פארצייטיקע שאפונגען טאר מען קיין טריט
...שט מאכן! דערמיט ווערט דעם שאפונגס־גייסט
...ן יידישן פאלקס־קאלעקטיוו געשטעלט א קינסט־
...כע גרענעץ, אייגנטלעך, א אילוזארישע גרענעץ.
...ער דאסדאזיקע סרום־בעטל פארן פאלקס־פרימי־
...וו איז א פאפירן בעטל, אן אבסטראקטע פאר־
...שטעלונג, וואס איז אפגעריסן פון דער לעבעדי־
...ער ווירקלעכקייט. גילט א כלל, אז יעדער פאלקס־
...לעקטיוו מוז אויף זיין אייגענעם שטייגער און
...ט זיינע אייגענע מיטלען אויסדריקן זיינע עמא־
...יעס, קאן דערדאזיקער כלל נישט אפגעפרעגט
...ערן גראד ביי יידן. דווקא פארקערט: די שווע־
...ע קולטור־היסטארישע באדינגונגען, אין וועלכע
...ם קומט אויס צו לעבן דעם יידישן פאלקס־
...ענטשן אין די לענדער פון יידישע מאסן־ישובים
...פן פאר אים אזא ריזיק געביט פאר עמאציא־
...נעלע איבערלעבענישן. אז זיין, אין תוך רירעווי־
...ריקער, טעמפעראמענט־
...לער גייסט קען נישט
...ערן אין זיך איינגע־
...ריקנט און אפגעשלאסן.
...לעבט דאך דער ייד
...אין די ערטער פון
...גרעסערע ישובים. דער־
...נו אין געטא, וואס
...האט שוין מער, אמת,
...נישט קיין מויערן פו,
...ציגל און שטיינער,
...נער פסיכאלאגיש און
...קולטורעל — א געטא,
...וואס טרעפט נישט
...ייניק פילבאר זיין
...עספינדלעכן גייסט. יע־
...דער בלאז פון די
...דרויסנדיק'ז ווינטן מוז
...אין דעם יידנס נשמה
...רויסרופן א שטארקע
...רעאקציע, וואס זוכט
...ר זיך א וועג און
...אויסדרוק אויף פאר־
...שידנסטע אופנים. יעדע
...ייד אדער צער מוז
...ידער אמאל אויף זיין
...אייגנארטיקן שטייגער
...פינען די רינע, דורך

וועלכע זיי זאלן קומען צום אויסדרוק און דעם וועג, דורך וועלכן זיי זאלן דערגיין צום מיט־מענטשן און מיט־ברודער.

זיכער איז דער שאפונגס־גייסט ביים יידישן מאסן־מענטש נישט אויסגעשעפט. ווען איר קומט אין א יידיש שטעטל, ווארפט זיך אייך גלייך אין די אויגן די אבסאלוטע אנדערשקייט פון דעם לעבן אין דעם ארט. עס איז א סביבה, וואס עטעמט אנדערש און רעאגירט אנדערש אויף פאר־שידענע דערשיינונגען.

אין וואס באשטייט דידאזיקע אנדערשקייט אין שטעטל, וועלכע מוז איבערראשן? עס איז, אויסער די ספעציפישע לעבנס־באדינגונגען, דער אייגנארטיקער שאפונגס־גייסט פון יידישן פאלקס־קאלעקטיוו.

און איר דארפט די פאלקס־קונסט לגמרי נישט זוכן אין בית מדרש אדער אויפן בית־עולם. מען דארף זיך נישט פארוואנדלען אין א פארשער אר־כעאלאג. ס'איז גענוג זיך צו צוקוקן צום ארום, צו די באוועגלעכע און אומבאוועגלעכע זאכן, מיט וועלכע די יידן בא־נוצן זיך, כדי צו קע־נען לייכט ארויסגעפי־נען די שפורן פון שעפערישער קונסט. שוין דאס אויסערלעכע בילד פון די גאסן אין שטעטל, די הייזלעך מיט די גאניקלעך, טרעפ־לעך, פענסטערלעך בא־פוצטע, אריינגעבויטע סופות און אנדערע כאראקטער. שטריכן, זענען ווערטער פון אן אייגנארטיקער שפראך. און וויפל קע־נען מיר לערנען פון דעם, ווי אזוי די סביבה באציט זיך צו די זאכן, מיט וועלכע זי קומט טאג־טעגלעך אין בא־רירונג, פון די ווערט־לעך און לידער, וועל־כע זענען גאנגבאר אין די קליינע ארט־שאפטן פון די אן א שיעור מעשיות און אנעקדאטן, וואס גייען



כל־נדרי־מאטיוו, אלט־יידישע פאלקס־קונסט.



ארום אין שטעטל וועגן לעבעדיקע און טויטע. אפילו פון די ספעציפיש יידישע נעמען פון די גאסן און געגנטן, וועלכע אונטערשיידן זיך, ווי באקאנט, פיל פון דער פוילישער נאמענקלאטור.

נישט איינמאל פאלט אונז אריין אין האנט עפעס א געגנשטאנד, פון וועלכן מיר ווערן איבער-ראשט. עפעס גיט: מיטאמאל א ווייע מיט א נייער וועלט, אומבאקאנטער און דאך נאנטער. סך-הכל האלט מען אין האנט א טעלערל; א פודעלע, א שמחת תורה"פאן (שוין אפגערעדט פון די גרעגערס רייזעלעך אויף שבועות, מצה-טעלערס, מצה-טיש-טעכלעך, חלה-טישטעכלעך, כל המיני מזרח'ס, וועגן וועלכע מען האט מער אדער ווייניקער שוין גערעדט און געשריבן. מען דערשפירט באלד, אז דידאזיקע, דווקא מאטעריעלע זאכן, האבן א ספע-ציעלן כאראקטער, א באזונדערן אויסדרוק פון אן אייגנארטיקער נשמה, וועלכע איז ווערט, מען זאל זי דערקענען.

אז דער ספעציפיש-יידישער שאפונגס-גייסט האט געשלאגן טיפע ווארצלען אין לעבן פון די יידישע פאלקס-מאסן, האבן מיר גלויבנסווירדיקע עדות אין דער ליטעראטור. שוין מענדעלע האט אין שלמה ר' חיימס אזעלכע יידן אונז געשילדערט— יידן פראסטע, פרימיטיווע, אבער מיט א שטארקן דראנג צום שאפן, דערמאנען מיר זיך אן מענדע-לעס מלמד ליפע ראובנס, דעם קינסטלער-שניצער, זיין סטאליאר הערצל קיילעס — דעם פאלקס-מוזי-קער, די גנזלען, וואס שאפן קאלעקטיוו פאלקס-לידער. פיל אזעלכע פרימיטיווע-נאטורן לעבן נאך היינט אין שטעט און שטעטלעך. די ליפע ראובנ... שניצן ווייטער זייערע הילצערנע פודעלעך א... טעלערס, ווערן פארפאלן אזוי ווי אמאל. קיינ... קען זיי נישט און וויל זיי נישט קענען.

לאמיר זיך פאראינטערעסירן מיט זיי! לאמ... נישט מיינען, אז אונזער פאלקס-קונסט לעבט נ... אין דער פארגאנגנהייט, אז אירע מוסטער ג... הערן נאר צום רעליגיעזן און ליטורגישן רעקוו... זיט. עס האבן שוין די פארשער באוויזן, אז פ... ראלעל מיטן רעליגיעזן שטראם איז אין יידי... פארצייטישן לעבן געגאנגען א שטארקער שטר... פון וועלטלעכקייט. דאס איז געווען פארצייטנ... אין מיטלאלטער. היינט צו טאג איז עס אווד... פאראן. מיר האבן דערויף פיל באווייזן. יידן ב... טייליקן זיך אין נישט קיין קליינער מאס א... אלע צווייגן פון דער פאלקסקונסט-אינדוסטרי א... פוילן, ווי: האנט-שניצעריי און מאלעריי, טעפער... גלאז-אויסארבייטונגען א. ד. גל. אריינטראגנד... דערביי אין דידאזיקע זאכן זייער אייגנארטיקן ס... און געשמאק. מיר דארפן דידאזיקע פאלקס-אי... דוסטרי פארשן, געפינען דאס יידיש אייגנארטיק... און אריינפירן די געגנשטאנדן אין אונזער ט... טעגלעכן לעבן, אפגעבנדיק פאר די באמת קינ... לערישע זאכן — זיכער פאראן! — א חשובן פל...

די פאלקס-קונסט הערט אויף צו זיין א ... זעלער רעקוויזיט. פון אונזער אונטערשטיצונג ... פיל באלאנגען, דאס זי זאל אויפלעבן און ... קומען די נייטיקע באדינגונגען צו פרייער א... וויקלונג.

Nakładem Łódzkiego Oddziału Żydowskiego Towarzystwa Krajoznawczego

Dr. Filip Friedman **Dzieje Żydów w Łodzi od roku 1863**

**Stosunki ludnościowe. Życie gospodarcze. Stosunki społeczne.**

392 str. druku, 73 tablic i zestawień statystycznych
**Cena 10 zł.**

**Do nabycia: Ż. T. K. ŁÓDŹ, Wólczańska 35. P. K. O. 141.242.**

**» LOL «**

Poleca najwikwintniejsze pończochy damskie w najmodniejszych kolorach.

**FABRYKA WYROBÓW POŃCZOSZNICZYCH**

WARSZAWA, NISKA 65, TEL. 11-79-76. SKŁAD FABRYCZNY: NALEWKI 18 TEL. 12-11-42.